וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב
בלעטל

פרשת ויקרא, ז' ניסן תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון ס"ט

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......................6:52
מוצאי שבת........................8:23

## א מעשה פון תפלה

### שמעון קורדוזו

שוין א לאנגע צייט וואס איך וויל מאכן א דרייווער פערמיט צו קענען דרייוון א קאר, איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען דורכמאכן גרינגערהייט ביים ערשטן מאל, ווייל עס מאכט זיך ביי אסאך מענטשן וואס מאכן עס נישט דורך ביים ערשטן מאל און מען דארף עס איבערמאכן אפאר מאל ביז ס'גייט אריבער, שכח אייבערשטער אז ביים ערשטן מאל האב איך עס דורך געמאכט גרינגערהייט. שכח אייבערשטער!

### מנחם שטיינבערג

איך האב זייער וויכטיג געדארפט רעדן צו איינעם, אבער איך האב געוואלט אז יענער זאל מיר קאלן, נישט איך זאל אים דארפן קאלן, איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן, ביז איינמאל ווען איך בין געפארן אין די קאר אויף האשקי ראוד האב איך אפגעמאכט איך גיי מער נישטווארטן אז יענער זאל מיר קאלן נאר איך גיי אים קאלן, איך דריק די נאמבערס אויפן טעלעפאון אים צו קאלן אבער ס'גייט עפעס נישט, ס'קומט ארויף אז איך האב נישט דא קיין סערוויס, וואס געווענליך איז דארט דא פיינע סערוויס, איך פאר אראפ האשקי ראוד און איך קיק נאכאמאל אויפן טעלעפאון זעה איך אז יעצט איז שוין יא דא גוטע סערוויס, אבער יעצט האב איך שוין פארשטאנען די מעסעדזש פונעם אייבערשטן אז איך דארף האבן סבלנות און אויסווארטן אויף די ישועה, און ברוך השם אז ממש נאכדעם האט מיר יענער גערופן און אלעס איז געווארן ערלעדיגט על צד היותר טוב.

### פנחס דוד וועבערמאן

ערב פורים האב איך מיך ארויסגעלאזט פון שטעטל אנצוקומען אויף פורים אין וויליאמסבורג, די מאפע האט געוויזן אז איך גיי שוין נישט קענען אנקומען צייטליך צו קענען הערן מגילה ליינען פונעם ראש ישיבה שליט"א, אבער איך האב זייער שטארק געוואלט אנקומען צייטליך, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן א גאנצע וועג "הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל נאך קענען אנקומען געווג פרי אין וויליאמסבורג", שכח אייבערשטער פאר די נס אז איך בין נאך אנגעקומען געווג פרי און איך האב נאך געקענט הערן מגילה ליינען פונעם ראש ישיבה שליט"א.

צו איבערגעבן א מעשה פון תפלה רופט 845-379-1161

## נייעס אין שטעטל

### קאנסטראקציע אין בית המדרש

גאר העפטיגע קאנסטראקציע קומט פאר אין בית המדרש אויף האשקי גאס.

מען ארבעט גאר העפטיג צו ענדיגן אינגאנצן דעם בית המדרש לשם ולתפארת, מען האט אראפגערופן א קאמפאני צו ענדיגן שייך די דאך און די ווענט פונעם גאנצן בית המדרש, און דערנאך וועט ווערן ארויפגעלייגט גאר שיינע טיילס וואס וועט פארשענערן דעם בית המדרש.

אזוי אויך ארבעט מען שווער צו אהערשטעלן א הערליכן ארון קודש אויף מזרח וואנט, ווי עס פאסט פאר א בית המדרש וואס ווערט גערופן על שם רבינו, עס ווערט געבויעט דורך אונזער געטרייער חבר ר' אייזיק אפפעל הי"ו, דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט אלעס גוטס ער זאל זעהן אסאך נחת פון אלע זיינע קינדער און אייניקלעך.

צו נעמען א חלק אין די גרויסע הוצאות אין וואס עס ציעט אריין, קענט איר זיך ווענדן צום חשוב'ן גבאי דבית המדרש ר' שלמה יאקאבאוויטש הי"ו, די זכות וועט אייך באגלייטן אויף אייביג.

פון דעם צווייטן בית המדרש אויף דענמאן ראוד הערט מען אז דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן מען זאל צוענדיגן דעם בית המדרש גאר שיין ווי עס פאסט זיך פאר'ן רבינ'ס בית המדרש.

עס פעלט נאך אויס צו ענדיגן די דאך און אינסטאלירן שיינע לייטס, אזוי אויך דארפן די ווענט ווערן פארטיג שיין, אזוי אויך איז דא נאך וויכטיגע זאכן וואס דארף ווערן צוגענדיגט אז די בית המדרש זאל זיין א שיינע מקום תורה ותפילה.

צו ארויסהעלפן מיט די הוצאת קענט איר זיך ווענדן צום גבאי דבית המדרש ר' מרדכי היימליך הי"ו.

**בורא עולם בקנין השלם זה הבנין.**

### סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**אליעזר שמן נ"י וזוגתו חנה תחי'**

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט.

### ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשוב'ע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן ביי אונז אין שטעטל

**שלום יוסף ניישטיין נ"י**
**וזוגתו פעסל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל.

### סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**יודא לייב ווייס נ"י וזוגתו שפרה תחי'**

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט.

# א ברייוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

**בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת צו, ד' ניסן, שנת תשע"ח לפרט קטן**

לכבוד ... נרו יאיר

איך בעט דיר זאלסט זיך מאכן א שיעור אין רבינ'ס ספרים. דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שמט): "יְכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מען קען ווערן אן אמת'ער בעל תשובה אז מען לערנט זיין ספר ליקוטי מוהר"ן; נאך האט דער רבי געזאגט (שם): "מִי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", ווער עס וועט לערנען זיין ספר מיט אן אמת, וועט זיך אים עפענען אלע פארשטאפטע אָדערן און ער וועט ווערן אן ערליכער איד.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס פאסירט ווען מען נעמט דעם רבינ'ס זאך ערענסט און מען לערנט דעם רבינ'ס ספרים; **עס עפענען זיך אויף אלע פארשטאפטע אדערן**, מען הייבט אן בענקען צום אייבערשטן, מען הייבט אן לערנען און דאווענען, און מען לעבט מיט תכלית.

ר' נתן זכרונו לברכה האט אמאל געזאגט פאר איינעם: "איינגערמאן, לערן אסאך ליקוטי מוהר"ן, ווייל צו **א גוף וואס האט געלערנט ליקוטי מוהר"ן וועלן די ווערים נישט קומען**".

אזוי אויך זע צו לערנען שיחות הר"ן און חיי מוהר"ן. דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שנח): "מיט יעדע שיחה וואס איך שמועס מיט ענק קען מען זיין אן ערליכער איד. נישט סתם אן ערליכער איד, נאר אן ערליכער איד אזוי ווי איך מיין אן ערליכער איד"; און ר' נתן האט געזאגט אז ווען ער איז מקורב געווארן האט ער בעיקר פארשטאנען דעם רבי'ן פון זיינע שמועסן וכו'.

אויך מאך זיך א שיעור אין ספורי מעשיות. דער רבי האט זייער אויסגעלויבט זיינע מעשיות, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן כה): אז **די מעשיות וועקן אויף א מענטש פון שלאף**; אפילו איינער וואס שלאפט, ער דאווענט נישט און לערנט נישט, ער זינקט אין עבירות רחמנא לצלן - אויב וועט ער לערנען דעם הייליגן רבינ'ס מעשיות וועט עס אים דערוועקן פון שלאף, ער וועט פלוצלינג אנהייבן שרייען וואס דער שני למלך האט געזאגט ווען ער האט זיך דערוועקט נאך כמה וכמה שנים: "**וואו בין איך אויף דער וועלט?**"

איך זאלסטו לערנען דעם ספר המידות; דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט פאר זיין תלמיד ר' נפתלי אויפן ספר המידות: "**מיין ליבער הארציגער חבר, אט דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד**".

איינער וואס לערנט נישט דעם הייליגן רבינ'ס ספרים האט נישט קיין שייכות מיטן רבי'ן; חוץ לערנען איז אלעס נארישקייטן, ווער רעדט נאך פון זיך פארופן א "ברסלב'ער חסיד". ווייל מען קען נישט זיין א ברסלב'ער חסיד נאר אז מען לערנט די ספרים פון הייליגן רבי'ן, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קצב): "**פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ**", די פנים, שכל און נשמה פונעם צדיק געפונט זיך אין זיינע ספרים; דער וואס לערנט די ספרים פון הייליגן רבי'ן דער איז א ברסלב'ער חסיד, און דער וואס לערנט נישט די ספרים האט נישט קיין שייכות מיטן רבי'ן.

איך דאנק אלע מיינע תלמידים וואס העלפן מיר באצאלן די איינגעשטעלטע ביי אונז אין די מוסדות; בפרט די אלע תלמידים וואס העלפן צוזאמנעמען '**קימחא דפסחא**' און זיי פרובירן מיט וואס זיי קענען מיר ארויסהעלפן. זאלן זיי אלע זוכה זיין צו מקבל זיין דעם יום טוב פסח בשמחה ובטוב לבב, און **מוהרא"ש זכרונו לברכה וועט זיכער פועל'ן פאר אונז אלע ישועות און רפואות.**

איך מוז דיר פארציילן אן אינטערעסאנטע מעשה וואס האט זיך נארוואס אפגעשפילט; א איד האט אנגערופן ... נרו יאיר פרעגן צי ער העלפט די מוסד היכל הקודש אין וויליאמסבורג, ווייל ער האט געהאט א חלום שבת נאכמיטאג אז ער קומט אריין צו מוהרא"ש אין צימער און מוהרא"ש ז"ל האלט אים פאר: "**איך האב א מוסד אין וויליאמסבורג, פארוואס העלפסטו זיי נישט?**" האט ער זיך אנגערופן אין חלום פאר מוהרא"ש: "איך גיי זיי געבן פינף הונדערט דאללער פאר פסח", האט אים מוהרא"ש געזאגט: "איך וויל פון דיר טויזענט דאללער"; פארציילט דער איד: "איך בין נישט קיין ברסלב'ער, איך האב סך הכל איין מאל געזען מוהרא"ש בחיים חיותו"; נאך שבת איז ער געגאנגען צו זיין דיין וואס האט אים געזאגט אז אויב דער חלום איז פארגעקומען בייטאג דארף ער דאס מקיים זיין.

מען קען הערן די דרשה וואס מוהרא"ש זכרונו לברכה האט געגעבן פסח שנת תשע"א לפרט קטן אין ישיבה; אינמיטן שיעור - ווען **מוהרא"ש האט גערעדט פון די שיינע קהלה וואס מיר האבן** דא אין וויליאמסבורג וכו' וכו' - האט זיך מוהרא"ש אנגערופן: "אבער איך מוז אייך זאגן אז איר האט א זאך וואס עס איז נישט דא אויף די גאנצע וועלט"; אלע האבן אריין געאטעמט, קיינער האט נישט געקענט טראכטן וואס מוהרא"ש גייט זאגן, און מוהרא"ש האט דאן געזאגט די ווערטער: "**איר האט א חדר וואו מען לערנט מיט קליינע קינדער אמונה פשוטה און די קינדער וואקסן אויף מיט אמונה**; יעדעס קינד דערציילט 'מעשיות פון תפילה', מען לערנט אויס די קינדער אז וואס זיי דארפן זאלן זיי בעטן פונעם אייבערשטן; **דאס איז נישט דא אין די גאנצע וועלט!**" וואויל איז דער וואס האט א חלק און העלפט מיט וואס מען קען ארויס העלפן.

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**

****

**בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת שמיני-א, י"א ניסן, שנת תשע"ח לפרט קטן**

לכבוד ... נרו יאיר

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר זענען מקורב צום הייליגן רבי'ן וואס געבט אונז שכל ווי אזוי מיר זאלן זיך פירן אין לעבן. דער רבי לערנט אונז אויס מידות טובות און אז מיר זאלן אכטונג געבן ווי אזוי מיר פירן זיך.

דער רבי האט געזאגט: "ווען קיסרים און קעניגן וואלטן געוואוסט וואסערע דרך ארץ איך לערן מיט מיינע מענטשן, וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער לערנען צו מיר".

זע צו רופן דיינע עלטערן יעדן טאג; בפרט יעצט אין די ערב יום טוב טעג ווען אלע זענען פארנומען אנצוגרייטן דעם הייליגן יום טוב **זאלסטו זיך אומקוקן אויף דיינע עלטערן**. געדענק אז כיבוד אב ואם איז פון די הארבסטע מצוות וואס מיר האבן; מען קען זיך נישט פארשטעלן ווי גרויס איז די שכר פון דעם וואס איז מכבד זיינע עלטערן, אסאך מאל קען מען מיט ממש א קלייניקייט זיך איינקויפן עולם הבא.

דער הייליגער שר שלום פון בעלזא זכותו יגן עלינו פלעגט האבן ביי זיך ביים סדר זיין מאמע; ער האט איר געזעצט נעבן זיך א במשך דעם גאנצן סדר און געגעסן מיט איר פון איין טעלער און ער האט איר מכבד געווען מיט דאס גרעסטע מאס כיבוד אם וואס איז שייך. בשעת ער האט געגעסן מיט איר די זופ האט זי אריין געלייגט שטיקלעך מצה אין די זופ עס זאל איר זיין ווייעך, אבער דער הייליגער שר שלום זי"ע האט איר גארנישט געזאגט, ער האט גערוקט די שטיקלעך מצה צו איר זייט און ער האט ווייטער געגעסן פונעם זעלבן טעלער. ווען דער הייליגער שר שלום זי"ע האט געזען ווי מען וואונדערט זיך אויף אים האט ער געזאגט: "**כיבוד אם איז א דאורייתא און נישט עסן געבראקטס איז א מנהג**"; זעט מען ווי ווייט די צדיקים זענען געווען נזהר אין כיבוד אב ואם.

געב אכטונג נישט צו שרייען אין שטוב; עס לוינט זיך נישט די אלע חומרות אויב עס גייט אויפן חשבון פון די ווייב און קינדער. געדענק וואס מוהרא"ש פלעגט זאגן: "**שטויב איז נישט קיין חמץ און קינדער זענען נישט קיין קרבן פסח**"; א משהו כעס איז אסור מדאורייתא און א משהו עצבות איז חמץ גמור, אויף דעם העלפט נישט קיין ביטול א גאנץ יאר.

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן א כשר'ן און פרייליכ'ן יום טוב.**

## *דער הייליגער רבי זאגט: ווען מען האלט א מצה אין די האנט*

*וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?*

א) איז מען מוחל אלע עבירות  ג) דארף כאפן א פחד אויפן מענטש

ב) האלט מען גאט אין די האנט  ד) דארף מען זיין פרייליך

חידות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז נפתלי אינדיג נ"י
תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

ענטפערס פון פאריגע וואך

רעדן צום אייבערשטן איז גרעסער פון אלעס


עס איז דא צובאקומען אלע סארט בילדער
פון מוהראש און די ראש ישיבה,
ווי אויך קארד געימס, שליסלעך האלטער
און נאך.

רופט שרולי סאמעט

845-866-4101


מוהרא"ש זי"ע ביי שריפת חמץ




פאר א פראפעסיאנאלע דזשאב
רופט אליעזר שטן
917-202-1206

The Handyman